# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# ע' מן הבאר ההוא ישקו העדרים

**פרשת כי תבוא**



## כיתה ח' (א-ב)

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**
**הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו**

בס"ד

# חידו"ת לפרשת כי תבוא

**ולקחת מראשית כל פרי האדמה וגו' ושמת בטנא.** עס שטייט אין די משנה (ביכורים פ"ג מ"ח) העשירים מביאים בכוריהם בקלתות של כסף ושל זהב, והעניים מביאין אותם בסלי נצרים של ערבה קלופה, והסלים והבכורים נתנין לכהנים. און די גמרא שטייט אז פאר די עשירים האט מען צוריק געגעבן זייערע קוישן, און די קוישן פון די ארימעלייט האט מען נישט צוריק געגעבן. איז שווער צי פארשטיין פארוואס פאר די עשירים האט מען צוריק געגעבן, און פאר די ארימעלייט נישט.

האט הרה"ק רבי דוד'ל פון טאלנא ז"ל געזאגט אז ער האט עס פארשטאנען מיט א מעשה וואס איז געווען מיט אים, אמאל האט ער געלאזט וויסן פאר זיינע חסידים וואס האבן געוואוינט אין א געוויסע שטאט אז ער וועט דארטן קומען אויף א פאר טעג. דארט האט געוואוינט א חסיד א ארימאן, וואס ווען ער האט געהערט פון דעם, איז געווארן זייער פריילעך אז דער רבי גייט קומען, אבער ס'האט אים וויי געטוהן אז ער האט נישט קיין פרוטה צוגעבן אויף פדיון נפש, האט אים זיין ווייב בארוהיגט, אז ביז די פאר טעג וואס דער רבי דארף אנקומען, וועט מען זיך פלאגן און מען וועט פארדינען א פאר פרוטות, און אזוי וועט מען האבן וואס ציגעבן פאר'ן רבי'ן. דארט האט אויך געוואוינט א עושר וואס ווען ער האט געהערט אז דער רבי וועט קומען, איז אים ביטער געווארן, וויסנדיג אז ער וועט דארפן געבן פארן רבי'ן א שיינע נתינה, אבער ער האט נישט געהאט קיין אנדערע וועג, און האט געגעבן א שיינע סומע, כדי ער זאל נישט ווערן פארשעמט, און פארשטייט זיך אז ער האט עס געגעבן מיט א שווערער הארץ. האט געזאגט רבי דוד'ל טאלנער, איך האב טאקע געמוזט נעמען די נדבה פונעם עושר, אבער איך האב נישט הנאה געהאט פון דעם, און ווען דער ארימאן האט מיר געגעבן זיינע איינציגע פרוטות, האב איך יא הנאה געהאט פון דעם, וויל ער האט עס געגעבן מיט זיין הארץ.

האט ער ווייטער מסביר געווען מיט דעם די ענין פון בכורים, דער ארימאן גלייך ווען ער האט געזעהן אז ביי זיין פעלד איז שוין דא אביסל געצייטיגטע פירות, איז ער פול געווארן מיט שמחה אז ער וועט ארויף טראגן די פירות קיין ירושלים, אבער ווען ער האט זיך דערמאנט אז ער האט נישט קיין קויש מיט זיי ארויף צוטראגן, איז ער געווארן טרויעריג, האט אים זיין ווייב בארוהיגט, אז זי וועט פלעכטן א

בס"ד

קויש פון בלעטער, און עס וועט זיין פאסיג ארויף טראגן קיין ירושלים. די קויש איז געמאכט געווארן פול מיט ליבשאפט פון טיפן הארץ, און מיט א לויב פאר השי"ת אז ער האט זיי מזכה געווען מיט די מצוה פון בכורים. - אבער דער עושר וואס האט אסאך פעלדער און וויין גערטנער, ווען די ארבעטער קומען אים זאגן אז די פירות זענען שוין געווארן געצייטיגט, און עס איז געקומען די צייט זיי ארויף טראגן קיין ירושלים, האט ער אנגעהויבן קרעכצן 'אוי איך דארף שוין נאכאמאל ארויף גיין קיין ירושלים', אבער ער האט דאך נישט קיין אנדערע ברירה, האט אנגעהויבן טראכטן מיט וועלעכע שיינע כלי זאל ער זיי ארויף טראגן, האט ער זיך דערמאנט, אז פאר א יאר, איז געקומען א עושר מיט זייער א שיינער כלי, און אלע האבן גערעדט פון דעם, איז ער וועגן דעם מחליט, אז ער וועט די יאר ברענגען מער א שענערער קויש, אז אלע זאלן וויסן זיין גרויסער רייכקייט.

האט רבי דוד'ל טאלנער גענענדיגט זיינע ווערטער, אז וועגן דעם ווען דער עושר איז געקומען מיט זיין גאלדענע קויש, וואס ער האט עס געברענגט כדי אלע זאלן זעהן זיין רייכקייט, האט מען עס אים צוריק געגעבן, ווייל דער אויבישטער האט נישט פון דעם קיין נחת רוח, אבער ווען דער ארימאן איז געקומען מיט זיין קויש וואס איז געפלאכטן געווארן מיט פול ליבשאפט פון טיפן הארץ, און מיט א לויב פאר השי"ת אז ער האט זיי מזכה געווען מיט די מצוה פון בכורים, איז עס עולה לרצון פאר השי"ת, און מען האט עס אנגענומען פון זיי.

**(ברך משה)**

**והיה אם שמוע תשמע בקול ה' אלהיך.** יבואר על פי מאמר חכמינו ז"ל (חגיגה דף טו:) בכל יום בת קול יוצאת מהר חורב שובו בנים שובבים. ובאמת כל איש ישראל זוכה לפי מדרגתו לשמוע זה הקול, וכמאמר רבותינו ז"ל אף על גב דאיהו לא חזי מזלייהו חזי. ומזה הקול בא התעוררות תשובה לכל איש ישראל בכל יום. וזהו שאמרו רבותינו ז"ל (שם) חוץ מאחר, שהבת קול אומרת שובו בנים שובבים חוץ מאחר [אלישע בן אביהו], כלומר הוא אינו מתעורר על ידי זה הקול לשוב בתשובה, רק אם יתעורר מעצמו לשוב בתשובה יקבלו אותו. והטעם שאחר אינו מתעורר על ידי הקול לשוב בתשובה, כי הוא היה למעלה בשמים, ולא שב, לכך צריך להתעורר מעצמו בתשובה. וזהו 'והיה' ואמרו חז"ל אין והיה אלא לשון שמחה. פי' כי תהיה שמחה אם שמוע תשמע לקול ה' אלהיך, היינו הקול מלמעלה המשמיע בכל יום, הוא הבת הקול המשמיע בכל יום לשוב בתשובה.

**(קדושת לוי)**

בס"ד

# הילולא דצדיקיא

כ"ב אלול

## הגה"ק רבי מרדכי דוב מהאראנסטייפל זי"ע

**כ"ק** רבינו שליט"א האט דערציילט אז ווען רבי מאטעלע איז געווען אין טשערקאס ביי זיין זיידן רבי יעקב ישראל פון טשערקאס זי"ע – אלס יונגל נאך – און א איד וואס איז געווען אין א צרה איז געקומען צו פארן קיין טשערקאס צום רבי'ן, פונקט איז דעמאלטס דער טשערקאסער אוועק געפארן און איז נישט געווען אינדערהיים, דער איד קומט אריין און דער רבי איז נישטא, גייט ער אריין צו די רעביצין און הייבט אן צו וויינען אז ער איז אין א גרויסע צרה, זאגט די רעביצין "וואס קען איך טוהן, דער רבי איז נישטא...", שפעטער רופט זי זיך אן "מיין אייניקל איז דא, גייט אפשר אריין צו איהם", דער איד האט איהם אויפגעזוכט און הייבט איהם אן צו דערציילן און האט ביטער געוויינט, אז "ער האט א קרעטשמע און דער פריץ האט זיך פארלייגט אויף איהם, ער האט א שטוב מיט קליינע קינדער, און ער ווארפט איהם ארויס אויף די גאס, און מ'וועט שטארבן פון הונגער און פון קעלט", זאגט ער "וואס זאל איך טוהן, דער זיידע איז נישטא, ווען דער זיידע וואלט געווען דא, וואלט ער דיר געקענט העלפן".

**אבער** דער איד איז געווען זייער פארביטערט, און לאזט נישט נאך, און זאגט איהם אזוי "הער מיך אויס, אויב קענסטו מיר טאקע נישט העלפן, האב איך נישט קיין טענה, אבער אויב קענסטו מיר יא העלפן און דו העלפסט מיך נישט, זאלסטו וויסן אז דמי ודם זרעיותי תלוי בך, ס'גייט אריין אין פיקוח נפש", איז רבי מאטעלע געבליבן שטיין... רופט ער זיך אן "לאמיר גיין אין מקוה", ס'איז שוין געווען שפעט ביינאכט, מ'האט גענומען א לאמטערנע און מ'איז געגאנגען אין די מקוה, ער גייט אראפ זיך טובל'ן און ער קומט נישט ארויף, דער איד שטייט אויבן און ער קוקט זיך אום ווי ער טונקט זיך אונטער אין וואסער, און האט זיך שוין דערשראקן, אבער וואס קען ער טוהן. ערווארט צו ביז ער קומט ארויס, און וואונטשט איהם אן "פאר אהיים, דו וועסט האבן א ישועה", דער איד האט זיך באדאנקט און ער איז אהיים געפארן.

**אנקומענדיג** אהיים, זאגט דער פריץ "וואס האסטו געטוהן?!", איינער איז געקומען אינמיטן די נאכט און האט מיך געוואלט דערווארגן און געזאגט "אויב דו וועסט עפעס טוהן פאר דעם איד וועל איך דיך דערווארגן, ביז כ'האב איהם צוגעזאגט אז איך וועל דיך אפלאזן", אזוי איז דער איד געהאלפן געווארן.

**דער** איד איז געווען זייער צופרידן, האט ער באשלאסן אז ער מוז פארן צום רבי'ן זאגן א יישר כח.

**ווען** ער איז געפארן צום צווייטן מאל, דעמאלטס איז שוין דער טשערקאסער געווען אינדערהיים, דער איד קומט אריין און ער זאגט "איך בין געקומען באדאנקען דעם רבינ'ס אייניקל...", דער טשערקאסער קוקט איהם אן אזוי... האט דער איד דערציילט "כ'בין געקומען דא ווייל כ'האב געהאט א ביטערע צרה, און דער רבי איז נישט געווען דא, בין איך געגאנגען צום רבינ'ס אייניקל, און איך בין געהאלפן געווארן".

**האט** דער טשערקאסער אריינגערופן רבי מאטעלע און איהם גע'מוסר'ט "צו פריה האסטו אנגעהויבן".

**– זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן –**